בס"ד

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **בהר - בחוקתי** תשפ"ב ◆ עלון מס': **89**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### אשרי אדם שומע לי [משלי ח]

וויפיל השתדלות דארף איך מאכן?

די שאלה פרעגט יעדער איד וואס איז עוסק באמונה. דער רבי אין חובת הלבבות לערנט אונז אויס א שטארקער דערהער אין די נושא.

ביי אונז איז א דבר פשוט אז ווען מען וויל איינפלאנצן א בוים לייגט מען אריין א קערנדל אין די ערד, מען באוואסערט עס און מיט די יארן וואקסט דא ארויס א בוים, אבער צי איז עס לאגיש? צי קען מען עס פארשטיין?

וויאזוי קען א קליינער און א שוואכער קערנדל ארויסגעבן א גרויסער בוים? דער קערנדל איז דאך קליין, פיצעל, ער איז שוואך, מיט איין טרעט איז ער צוברעקעלט, אבער מיט דעם אלעם וועט פון אים ארויסשפראצן א ריזיגער און א פעסטער בוים.

דער ענטפער דערצו איז אז דאס איז דער רצון השם, אז דער באשעפער וויל, קען אויך א קליינער קערנדל זיין דער שטאם צו א ריזיגער בוים.

און דער קערנדל לערנט אונז דא אויס א לימוד. פאר דער מענטש דוכט זיך אז די השתדלות וואס ער האט געטון איז קליין און שוואך אבער עס איז גענוג, ווייל אויך פון אזא קלייניגקייט קען ארויסקומען וואס השי"ת וויל אז עס זאל ארויסקומען.

"א מענטש דארף נישט מטריד זיין די גוף און איבערדרייען וועלטן צוריקצורוקן וואס עס קומט שפעטער, אדער אפצושטופן וואס עס קומט פריער, צו פארמערן וואס עס איז ווייניג, צו פארמינערן וואס איז אסאך...".

און דער רבי לייגט צו אז אין גשמיות איז עס איז א שאד צו פארלירן אזויפיל כוחות הנפש און ענערגיע אויף גשמיות. דער מענטש זאל בעסער נוצן די ענערגיע פאר רוחניות און קונה זיין עולמו אין דעם וועלט'ל.

מען דערציילט אז אמאל איז דער משגיח פון די קאמעניצער ישיבה הגה"צ ר' משה אהרן שטערן, דער אייניקל פון הרב ר' יעקב יוסף הערמאן זצ"ל געפארן קיין שווייץ נאכגעלט פאר די קאמעניצער ישיבה.

אנקומענדיג אהין האט ער זיך נאכגעפרעגט ווען איז דא אין די שטאט א מנין שחרית. מען האט אים געזאגט אז עס איז דא צוויי מנינים. איין מנין דאווענט גאר פרי, אבער עס איז א קליינער מנין. עס איז קוים דא דארט צען, פופצן אידן. די צווייטע מנין איז א גרעסערע מנין, דער רוב עולם דאווענט דארט, אבער ביי די צווייטע מנין איז מען נישט מקפיד אז מען זאל אנקומען צו די ברכות פון קריאת שמע פאר סוף זמן קריאת שמע.

נו וועלכער מנין גייט ער אויסוועלן? ווען ער קוקט וועגן געלט איז זיכער אז דער גרעסערער מנין לוינט זיך מער. דארטן קען ער טרעפן דעם עולם און ארומגיין נאכגעלט, אבער אזוי ווי ער האט יארן לאנג מקפיד געווען, צו דאווענען קריאת שמע מיט די ברכות פאר'ן סוף זמן, האט ער באשלאסן אז ער גייט דאווענען אין די קלענערע מנין.

שפעטער אין טאג האט ער באגעגנט א משולח וואס האט זיך דארט געדרייט אין שול. אויך ער איז געווען נאכגעלט. דער משולח געט אים א זאג אז ער האט דערלייגט! ביי די גרויסע מנין איז געקומען צוגיין א גרויסער עושר און האט געגעבן פאר יעדן געלטגייער די סומע פון 100 פראנק.

"ווען דו דאווענסט דארט וואלסטו אויך באקומען". האט אים דער משולח געזאגט.

"עס קען נישט זיין אז ווייל איך האלט זיך אין א גוטער מנהג זאל איך דערלייגן". האט הגה"צ ר' משה אהרן געזאגט מיט א זיכערקייט.

אבער דער משולח איז נישט געווען אזוי איבערצייגט.

"דו קענסט האלטן וואס דו ווילסט, איך האב הונדערט פראנק און דו נישט....".

די ווערטער האט שטארק פארדראסן פאר'ן משגיח. ער האט זיך געשטעלט דאווענען פאר'ן באשעפער אז ער זאל אים ווייזן פון הימל אז ער העלפט אים אויך.

ביי מנחה האט דער וואונדער פאסירט. דער זעלבער נדבן וואס האט געטיילט די געלטער ביי שחרית איז דארט געווען און זעענדיג ווי דער משגיח דאווענט מיט אזא ערליכקייט און אזא ריינקייט איז ער געווארן באיינדרוקט פון אים און נאכ'ן דאווענען האט אים דער נדבן צוגעברענגט הונדערט פראנק.

אבער עס האט זיך נישט געענדיגט דא.

נאכ'ן דאווענען האט זיך דער משגיח געזעצט לערנען און דער עושר זעענדיג ווי ער לערנט מיט אזא פלייסיגקייט האט ער צוגעברענגט נאך 300 פראנק.

ביני לביני האט מען זיך געשטעלט דאווענען מעריב און דער עושר קוקט נאך דער משגיח. זיין מעריב האט אים זייער באנומען און נאכ'ן דאווענען גייט ער צו אים און געבט אים א זאג אז ער איז קומט אהער פון פראנקרייך, ער האט מיטגעברענגט מיט זיך צדקה געלט, אבער ער דארף שוין צוריקפארן און ער וויל נישט מיטנעמען די געלט מיט זיך און זעענדיג אז ער איז אזא ערליכער איד געט ער אים די צדקה געלט, ער האט אים געגעבן נאך טויזנט פראנק.

אינדערזייט איז געשטאנען דער משולח און צוזעענדיג וואס דא גייט פאר, האט ער נישט געקענט גלייבן וואס זיינע אויגן זען.

"איך מוז מודה זיין". האט ער געזאגט פאר'ן משגיח. דערביי האט דער משגיח ארויסגענומען א מדרש פון שאפע און עס אויפגעמישט אויף פרשה ראה און אויפגעליינט פאר'ן משולח וואס עס שטייט דארט.

אויף די ווערטער פון פסוק 'אשרי אדם שומע לי' זאגט דער מדרש אמר הקב"ה שמעו לי, אין אדם שומע לי ומפסיד, און שפעטער איז דער מדרש ממשיך און זאגט [ד] אמר הקב"ה אם שמרת את שלי, אני משמר את שלך.

דער סך הכל איז אז השתדלות מיט אמונה איז דער גורם צו הצלחה.

[ארויסגענומען פון שיעור 42 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### א שפרינג אריין אין וואסער

מען האט נארוואס אנגעהויבן א נייער חודש. דער 'אייר' חודש האט אסאך באדייטן פאר אידן איבער די גאנצע וועלט אבער אין די 'מכון השגחה פרטית' טראגט עס א ספעציעלער און א טיפערער באדייט.

אין דעם חודש צייכענט מען דא אפ פיר יאר פון ווען מען האט דא אין דער מכון געמאכט דער ערשטער שפרינג אריין אין וואסער און געלאזט אין וועג דער אומגלויבליכער מהפכה פון אריינברענגען אמונה אין טויזנטער אידן, וויאזוי אהערצושטעלן אין אונזער שפראך, דער פשוט'ער יסוד אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, אז ער פירט אלעס און אלעס פירט מיט א חשבון און לטובה.

מיט א תפלה צום בורא כל העולמים אז מיר זאלן האבן די כוחות צו קענען אנגיין און ממשיך זיין מיט דער הייליגער אונטערנעמונג נאך אסאך יארן.

מיט עטליכע חדשים צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זיצן מיט א איד וואס איז שטארק אויסגעקאכט אין דער געביט פון גליונות און עלונים וואס גייען ארויס אויף שבת.

רעדנדיג אזוי געבט ער מיר א פרעג וויפיל גליונות דרוקן מיר פון יעדער אויפלאגע?

"הונדערט טויזנט שטיק!".

"איך גלייב דיר נישט!". האט דער איד רעאגירט.

"דארפסט מיר נישט גלייבן. דא האסט דער טעלעפאן נומער פון דעם דרוקער. קלינג אים אריין און צייג זיך אליין איבער".

דער איד האט געקלינגען און באקומען א באשטעטיגונג אז עס איז טאקע אזוי.

נאכ'ן קומען צו זיך האט ער מיר געזאגט אז וואס מיר טוען דא איז למעלה מדרך הטבע.

"פון וואו האסטו די געלט פאר דעם? דו האסט דאך נישט קיין עשירים".

אבער דאס איז פונקט די נקודה! עס איז דער חלום פון יעדער ארגינאזאציע אז מען זאל קענען שלאפן רואיג ביינאכט וויסנדיג אז די געלט פארט אריין אין באנק אויטאמאטיש פון געוויסע קביעות'דיגע נדבנים, אז די ארגינאזאציע זאל זיך נישט דארפן ארומשלעפן איבער די וועלט צו שאפן געלט און אנקלאפן אויף די טירן פון די גוטע אידן, אבער דא, אין אונזער פאל, וויל השי"ת עס זאל צוגיין אנדערש, ער וויל אז יעדער זאל זיין א שותף! אז גאנץ כלל ישראל זאל האבן א חלק אין די הייליגע מצוה.

דער גליון איז ענקערס! עס איז אן אייגענטום פון כלל ישראל. די מעשה'ס וואס ווערן דא דערציילט געהער צום כלל ישראל. די דעבאטעס און פראגעס מיט די ענטפערס איז א רכוש פון גאנץ כלל ישראל און בעיקר זענען די זכותים, דער זכות איז פון גאנץ כלל ישראל.

יעצט, ווען מיר צייכענען אפ פיר יאר פון ווען די מהפיכה איז אריין אין שוואונג, דאנק איך דער פון אויבן אז ער האט מיר געגעבן די כוחות צו מאכן דער גרויסער שפרינג אריין אין ים, אין אזא גרויסער אונטערנעמונג, צו קענען דרוקן הונדערט טויזנט גליונות איינמאל אין צוויי וואכן.

דער יעצטיגער גליון וואס קומט ארויס איז דער דריטער גליון וואס עס ווערט געדרוקט פון איר 150000 שטיק, עס ווערט ארומגעשיקט צו 5221 ווינקלען און ערשיינט אין 491 שטעט און ישובים לענגאויס ארץ ישראל.

איר קענט אויך זיין א טייל פון דער גרויסער אונטערנעמונג. איר קענט זיך יעצט איינקויפן א קביעות'דיגער טייל אין דער זכות. עס איז גרינג און צוגענגליך. אלעס וואס איר דארפט טון איז צוגיין צו די 'נדרים פלוס' סטענד, זוכט אויף די השגחה פרטית קנעפל און וועהלט זיך אויס די שולן וואו איר ווילט אהין מנדב זיין די גליונות. איר קענט אויך אריינקלינגען אין דער נומער 02-631-3742 און נאכ'ן אויסוועלן די שפראך דרוקט 1-6

זאלט איר זוכה צו אלעס גוטס, געדענקט! מיט'ן זיך אנשליסן ווערט איר א טייל פון אויסשפרייטן די בשורה פון אמונה אין יעדן ארט פון די וועלט און אזוי ארום זענט איר זוכה צו א שמירה עליונה און ווי דער רמב"ם איז שוין מבטיח.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## פון הימל איז מען מקדים רפואה למכה

מיט עטליכע חדשים צוריק האט פאסירט ביי אונז אין שטוב א שווערע איבערלעבעניש. מיין פרוי איז אראפגעפאלן און האט געכאפט א שטארקער קלאפ אין קאפ. מען האט איר געדארפט אריינפירן אין שפיטאל. דארטן האט מען איר באהאנדעלט און ביז א שטיק צייט האט זי זיך ערהוילט און זי איז צוריק אהיימגעקומען אין שטוב.

זי איז געווען אין בעסטן ארדענונג. אלעס האט פיין געארבעט אבער מיט דעם אלעם איז זי געבליבן מיט איין פעלער. ווען זי פלעגט לייענען נומערן האט זי זיך פארמישט. עס איז געווען אויפפאלענד ווייל פון איין זייט איז דער עצם לייענען געווען נארמאל. די אותיות האט זי געליינט נארמאל און נאר ביי די נומערן האט זי זיך פארמישט, אבער מיר האבן געדאנקט השי״ת אז זי איז אפגעקומען נאר מיט דעם און עס האט איר נישט באטראפן קיין ערגערס.

מיט צוויי וואכן צוריק האב איך פלוצלונג זיך אנגעהויבן שפירן מאדנע. עס איז געווען אן אטאקע צוליב אן אלערגיע. איך האב נישט געוואוסט אז עס איז וועגן דעם. זייענדיג פארלוירן האב איך געקלינגען מיין בני בית און איר געפרעגט וואס דאס קען מיינען. זי האט מיר געזאגט אז איך זאל אריינקלינגען אין די קליניק פון געגענט און ביי זיי אנפרעגן וואס דאס קען מיינען.

זי האט מיר געגעבן די נומער און אין יענער מינוט האב איך פארגעסן פון די שוועריגקייט וואס זי האט מיט'ן לייענען נומערן און ערליכערהייט אויפגעשריבן די נומער וואס זי האט מיר געגעבן. אנשטאט דער נומער 507507 האט זי געליינט 705705 און כ'האב אריינגעקלינגען דער אומריכטיגער נומער.

מען האט גלייך געענטפערט און עס איז מיר געווען אביסל מאדנע. פון מיין עקספירענעס געדויערט עס צייט ביז ווען מען ענטפערט מיר און דא האט מען מיר פלוצלונג געענטפערט גלייך. זיי האבן געוואלט הערן וואס איז געשען און כ'האב זיי דערציילט אז מיין פנים הייבט אן צו ווערן אויפגעבלאזן און מיין אטעם ווערט שווערער.

״וואו ביסטו?״. האבן זיי געוואלט וויסן.

עס האט נישט געדויערט לאנג און זיי זענען אנגעקומען. אויפ'ן ארט האבן זיי געזען אז מען רעדט פון אן אלערגישע אויסשלאג און מיר געגעבן אן איינשפריץ און עס האט זיך בארואיגט.

נאר שפעטער האב איך זיך געכאפט אז אנשטאט אריינצוקלינגען אין די לאקאלע קליניק האב איך אריינגעקלינגען צו אן ערמעדזשענסי צענטער וועלכער שיקן אראפ ספעציעלע דאקטוירים צו מענטשן אין שטוב.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די צומישעניש פון די נומערן האט בעצם געראטעוועט מיין לעבן.

## א שיעור אין הלכות 'אייער'

אין די ערב פסח טעג איז ארומגעלאפן א שמועה אז עס גייט זיין א מאנגעל אין אייער.

ווייניג אייער ערב פסח איז א שווערע זאך. בפרט נאכדעם וואס מען האט שוין מיטגעלעבט אזא זאך מיט צוויי יאר צוריק און איך האב אנגעהויבן צו פאניקן. איך האב נאך געהאלטן פאר'ן דאווענען. נארמאל וועל איך נישט מאכן קיין געשעפטן אין אזא צייט, אבער איך האב זיך געמאכט א חשבון ביי מיר, אז עס איז דאך ערב יום טוב און כ'מוז האבן אייער, איך האב זיך מורה היתר געווען, איך בין אריין אין די לאקאלע גראסערי און געפרעגט פאר'ן געשעפטסמאן צי ער האט אייער.

״ניין. עס איז נישט דא קיין אייער״.

יעצט בין איך שוין געווארן מער נערוועז. ביז יעצט איז עס געווען א שמועה אבער יעצט זעט עס אויס

## זבת חלב

**עס דערציילט א איד פון לעיקוואוד:**

אין די שול וואו כ'דאווען דינט אלץ רב א חשובער איד. אויסער זיין ברייטע ידיעה אין תורה און יראת שמים איז ער אויך א גרויסער בעל חסד און געבט זיך זייער שטארק אפ מיט די מצוה פון הכנסת אורחים.

ווי באקאנט קומען אסאך אידן פון ארץ ישראל קיין לעיקוואוד און ער זארגט זיך פאר זיי. ער געבט זיי אן ארט וואו זיי קענען איינשטיין, ער זארגט זיך אז זיי זאלן האבן וואו צו עסן און טוט אלעס אין דער וועלט אז די געסט זאלן זיך שפירן אינדערהיים, אפילו ווען זיי זענען נישט אינדערהיים.

זיין גוטער התנהגות האט געפירט צו דעם אז אויך די שול, וואו מיר דאווענען, איז א שטיקל היים פאר די געסט. ווען מען קומט אריין אין שול טרעפט מען דארט געסט פון ארץ ישראל. צווישן די געסט איז דא חשוב'ע און געהויבענע אידן, תלמידי חכמים, ירא שמים, בעלי בטחון און זייער ערשיינונג האט א שטארקער השפעה אויף די שול, עס געבט אריין א געוויסער געהויבענקייט ביי אונז אלע.

האט זיך אמאל געמאכט אז אין א טאג האב איך זיך באגעגענט מיט א פרישער פנים. ווי עס איז דער שטייגער ביי אונז האבן מיר אים מקבל פנים געווען. נאכ'ן באגריסן מיט א ווארעמער שלום עליכם האב איך באמערקט אויף אים אז ער צייכענט זיך אויס אין א זעלטענער שלות הנפש, א רואיגקייט, מען האט עס געקענט זען אויף טריט און אויף שריט, זיין באנעמונג איז געווען אזוי און כ'האב נישט געקענט פארשטיין פון וואו קומט עס צו אים? ער איז דאך נישט אינדערהיים? ער איז דאך דא נאכגעלט און וויאזוי קען ער זיין אזוי רואיג.

צומארגענס האב איך געזען ווי דער איד גייט ארום נאכגעלט אין די שולן פון איין טיש צו די אנדערע. ביי איינער פון די טישן האט ער זיך אפגעשטעלט און איז אריין אין א שמועס מיט מיינער א באקאנטער. זעענדיג אז יענער קען אים אזוי גוט, האב איך געפרעגט פון יענעם פון וואו ער קען אים אזוי גוט.

״איך קען אים פון בני ברק. זיין זיידע האט געהאט א גראסערי און כ'פלעג אסאך מאל גיין איינקויפן ביי אים אין גראסערי״.

״וואס זאגסטו?״. איך בין געווארן מלא התפעלות.

״מיין זיידע האט אויך געהאט א גראסערי אויף יענער גאס״.

אין די ערשטע געלעגענהייט האב איך רעדנדיג מיט מיין טאטע געפרעגט מיין טאטע דערוועגן און ער האט עס באשטעטיגט.

דערביי זאגט מיר מיין טאטע אז ער האט פאר מיר אן אינטערעסאנטע מעשה איבער די גראסערי.

״אין א טאג איז דער זיידע ז״ל אריין אין יענע גראסערי. אריינקומענדיג טרעפט ער דער בעל הבית איז זייער אנגעצויגן.

וואס גייט פאר? האט מיין זיידע געוואלט וויסן.

״עס איז געווען דא א מענטש וואס איז אריינגעקומען אין גראסערי און איז צוגעגאנגען צום פרידזשער און ארויסגע'גנבע'ט פון דארט א מילך״.

״און עס איז נישט די ערשטע מאל וואס ער טוט עס״. האט דער גראסערי מאן צוגעלייגט מיט ביטערניש.

דער זיידע האט זיך פארטראכט פאר א רגע. ער האט גלייך פארשטאנען וואס דא גייט פאר.

״געב א קוק״. האט זיך דער זיידע געגעבן א רוף אן צו אים.

״לאמיר זיין אמת'דיג. עס רעדט זיך נישט דא פון א פראפעסיאנאלער גנב. ווען יא, וואלט ער עס געמאכט קלוגער און זיך אויך נישט איינגעשטעלט פאר א פלאש מילעך. נאר וואס? ווארשיינליך איז ער אזוי געדרוקט אז ער האט נישט קיין אנדערע ברירה ווי צו גנב'נען מילך. איך וויל דיר בעטן אז פון היינט און ווייטער זאלסטו אים איגנארירן און כ'וועל באצאלן זיין מילעך״.

דערביי האט דער זיידע ארויסגענומען א סומע געלט פון טאש און עס אים אהינגעגעבן. דער גראסערי מאן האט מסכים געווען און פון יענער טאג און ווייטער האט ער אים אויסגעצאלט די מילעך פון יענעם איד.

עס איז אריבער אסאך יארן פון דעמאלטס. דער זיידע האט געטון די מעשה מיט א פשטות. קיין סאך האט ער נישט געטראכט וועגן דעם אבער אין הימל האט מען געדענקט די מעשה און עס באצאלט, אז אויך אונז די אייניקלעך געניסן פון די מעשה טוב.

און דער טאטע האט אויסגעפירט אז זיי האבן אין אמעריקע א פירמע פון מילכיגס און פארדינען שיין פון דעם און כ'שפיר אז דאס אלעס איז בזכות פון געבן מילך פאר אנדערע אידן.

## דער הארץ פון א טאטע אויף זיינע קינדער

עס רעדט דא צבי פון די שטאט מודיעין עילית:

עס איז שוין א לענגערע צייט וואס איך ארבעט מיט בעלי תשובה און אפילו אז איך ארבעט שוין מיט זיי א לאנגער צייט ווער איך יעדער מאל באגייסטערט פון פריש

פון זייערע כוחות הנפש וואס זיי האבן און שטארקקייט אויפצוגעבן אלעס וואס זיי האבן פאר אידישקייט.

אבער ווי מורא'דיג די ביז יעצטיגע מעשה'ס זענען געווען, איז אבער די מעשה עפעס ספעציעל.

די רעדע איז פון א בחור וואס האט באשלאסן אז ער לאזט אפ אלעס אין די וועלט און ער זעצט זיך לערנען. די החלטה איז געווען זייער א שטארקער אבער נישט קיין גרינגער. דער בחור האט נישט געקענט עכטיג לערנען אבער ער האט זיך מתגבר געווען. אין אנהייב האט ער געלערנט אביסל און שפעטער נאך אביסל ביז ווען ער האט אנגעהויבן לערנען א גאנצן טאג מיט א פלייסיגקייט.

אין א טאג האט דער בחור דערהאלטן א רוף פון שטוב, עס איז געווען קענטליך אז דער רוף האט אים זייער צוקלאפט. רעדנדיג מיט אים צו ווען הערן וואס האט פאסירט מיט אים, האט ער דערציילט אז זיין טאטע האט אים אריינגערופן און אים געזאגט אז די אומשטענדן האבן אים צוגעברענגט אז פון היינט און ווייטער גייט ער ארבעטן שבת.

"מען האט מיר פארגעשלאגן אן ארבעט וואו כ'קען פארדינען שבת 750 שקל יעדער שבת, אז דו רעכענסט עס אויס לויט'ן חודש קומט מען אן צו א סך הכל פון 3000 שקל און קענען דעקן מיינע חובות".

דער בעל תשובה איז געווען ערשטוינט. זיין טאטע איז קיינמאל נישט געווען קיין פרומער איד אבער ער האט אייביג געהאט א געפיל צו אידישקייט און דא... פלוצלונג.

דער בחור האט געטראכט א רגע און זיך געגעבן א רוף אן צום טאטן.

"און אויב איך וועל מאכן די ארבעט פאר דיר ביסטו מסכים אויפצוגעבן די ארבעט"?

"זיכער אזוי! נישט נאר דאס, נאר איך וועל אויך אפהיטן שבת ווי די הלכה פאדערט".

דער בחור האט זיך דורכגערעדט מיט מורי הוראה, מען האט שוקל געווען די ביטול תורה וואס ער דארף אוועקגעבן פאר דער אונטערנעמונג און די הצלה פון חילול השבת און עס איז געבליבן אז דער בחור זאל גיין ארבעטן.

עס האט נישט געדויערט לאנג, דער בחור האט זיך געטראפן אן ארבעט, די נייע ארבעט איז געווען אין די נאכט שעות. ווען דער ארבעטסגעבער האט געהערט פארוואס ער וויל גיין ארבעטן האט ער אים געאאפערט מער געלט.

א שטיק צייט איז אריבער און אין די געשעפט וואו ער האט געארבעט איז אריינגעקומען א איד. זעענדיג ווי ער ארבעט דארט האט ער אים געפרעגט וואס איז פשט פון דעם אז ער ארבעט דא, פארוואס איז ער נישט אין די ישיבה?

דער בחור האט אים דערציילט די גאנצע מעשה. ווען ער האט עס געהערט האט ער זיך אנגערופן אז ער גיט אים יעצט דרייסיג טויזנט שקל אויף בארג און אויב ער וועט עס קענען צוריקצאלן איז גוט, אויב נישט, איז אויך גוט.

מען האט געזען בחוש ווי פון הימל ווארט מען צו זען אויב ער איז עומד בנסיון אדער נישט. אין די רגע אז ער האט עומד געווען בנסיון, האט מען אים געשיקט סייעתא דשמיא פון הימל, ער זאל צוברענגען זיינע עלטערן צו היטן שבת און אז ער זאל אויך קענען לערנען תורה בהתמדה.

## 200 קעגן 200

עס רעדט דא א כולל יונגערמאן פון בני ברק:

איך א טאג האב איך געזען אין כולל א מודעה וואס זאגט אז ווער עס גייט זיך אנשליסן צו ווערן א מעמבער אין א געוויסער סופערמארקעט און קויפן פון זיי א קארטעל באקומט אויפ'ן ארט א זכות פון 200 שקל.

איך בין שוין סייווי אנגעשלאסן אין יענער סופערמארקעט אבער דער וואס האט געהאנגען די צעטיל האט מיר געזאגט אז מען קען עס ערלעדיגן זייער גרינג. מען דארף אריינקלינגען אין די געשעפט און אפשטעלן די פריערדיגע אנגעשלאסענקייט און באשטעלן א פרישע און אזוי ארום קען מען נאכאמאל זוכה זיין אין דעם זכות פון 200 שקל.

דער געדאנק איז מיר זייער געפאלן. ווען כ'בין אהיימגעקומען ביינאכט און כ'האב עס איבערדערציילט פאר מיין פרוי מיט א באגייסטערונג האט זי עס אוועקגעמאכט זאגנדיג אז עס איז נישט גלייך צו טון אזא זאך.

מיר האבן עס דעבאטירט. ענדע האב איך איינגעזען אז זי האט רעכט און איך האב באשלאסן אז כ'גיי עס נישט טון.

צומארגענס בין איך געגאנגען אין גראסערי ווען מיטאמאל הער איך ווי איינער רופט מיר אויפ'ן נאמען. איך האב זיך אויסגעדרייט צו זען ווער עס רופט מיר. עס איז געווען אן עלטערע איד וואס האט מיר מיט א שטיק צייט צוריק געבעטן א טובה. בשעתו האב איך אים געהאלפן.

"איך האב דיר שוין גערופן עטליכע מאל".

איך האב זיך ענטשולדיגט אז איך האב נישט געקענט ענטפערן.

"האסט מורא געהאט אויפצוהייבן ווייל כ'וועל דיר בעטן נאך א טובה. איך האב נישט געפלאנט צו בעטן נאך א טובה, איך האב דיר געוואלט באצאלן, האסט מיר געהאלפן, עס קומט זיך דיר א באלוינונג".

"איך האב עס נישט געטון וועגן דעם". האב איך זיך צוריק גע'טענה'ט מיט אים.

אבער ער האט זיך נישט געלאזט, ער האט ארויסגענומען פון זיין טאש 200 שקל און עס מיר געגעבן.

איך בין געווען שאקירט. בלויז איין טאג איז אריבער פון ווען איך האב געטראכט צו מאכן אזא שטיקל און צום סוף בין איך אראפ פון דעם און דא באקום איך שוין באצאלט פאר דעם.

מען האט מיר געוואלט ווייזן פון הימל אז אויב עס איז באשערט פאר מיר צוויי הונדערט שקל וועל איך עס באקומען אויף א כשר'ע אופן, איך דארף נישט אנקומען צו אומ'כשר'ע וועגן.

ווי עפעס ליגט אין די שמועה. איך בין געווארן נאכמער נערוועז און איך האב אנגעהויבן גיין אין ריכטונג פון נאך א גראסערי און ווען אויך דער צווייטער האט נישט געהאט, בין איך געלאפן צו א דריטער און דארט האב איך ענדליך געטראפן די לעצטע צוויי טאוולען אייער.

איך האב זיי געקויפט און אוועקגעלייגט זייטיג ווען איך האב אינזינען אז נאכ'ן דאווענען וועל איך עס שיקן אפנעמען. נאכ'ן דאווענען האב איך געשיקט א קינד. דער קינד האט עס אפגענומען אבער אונטערוועגנס האט ער זיך אויסגעגליטשט און א שיינער טייל פון די אייער מיט וועלכער מען האט געדארפט מאכן די אייער לאקשען האט נאס געמאכט די גאס.

אהיימקומענדיג נאכ'ן דאווענען האב איך באמערקט ווי פארענט פון די גראסערי שטייט א גרויסער טראק מיט אייער און לאדענט אפ גרויסע קוואנטומס פון אייער.

איך האב זיך געלערנט א לקח. אז פון לויפן און האנדלען פאר'ן דאווענען פארדינט מען נישט, וואס עס איז דיר באשערט וועט אנקומען, אויך אן ארבעטן פאר'ן דאווענען.

## נאנט און ווייט

מיר וואוינען אין ירושלים, אבער די ארבעט פון מיין פרוי איז געווען אין די שטאט מודיעין עילית. זי האט געגליכן די ארבעט און דער אטמאספער ארום די ארבעט, אבער די פארערייי איז איר אנגעקומען זייער שווער.

עס האט סיי צוגענומען צייט אבער נאך וויכטיגער האבן די רייזעס אויסגעמוטשעט און וועגן דעם ווען זי האט געהערט אז עס איז דא א קאמפאניע נישט ווייט פון איר הויז, וואו מען קען האבן די זעלבע ארבעט און די זעלבע געלט, האט זי זיך אנגעגעבן דארט.

ביי אונז אין די משפחה איז געווען אזוינע וואס האבן געהאט פארבינדונגען אין די קאמפאניע און מיין פרוי האט זיך אריינגעלייגט אין די לענג און אין די ברייט צו שאפן די נויטיגע פארבינדונגען וועלכע זאלן איר ערלעדיגן א דזשאב אינטערוויו.

די אינטערוועצען האבן פיין געארבעט. זי האט באקומען דער אינטערוויו אבער דער אויסגאנג פון די אינטערוויו איז געווען אז זי באקומט נישט די דזשאב. זי האט באקומען איין ניין אבער זי האט נישט געהויבן הענט, זי האט פראבירט איינמאל און נאכאמאל, אבער אלעמאל איז זי דורכגעפאלן.

זעענדיג אז עס גייט נישט האט זי געהויבן הענט און איז צוריקגעגאנגען צו די ארבעט.

למעשה, אפאר חדשים שפעטער, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז מיין טאכטער האט געליטן פון א געזונט פעלער און אדאנק די אינשורענס וואס מיר האבן געהאט, וועלכע נאר די פירמע אין מודיעין האט געהאט, האט מען געקענט דעקן די קאסטן און דער בלייבן אין מודיעין עילית איז נאר געווען לטובה.

אין די קאראאנע עפאכע זענען די זאכן געווארן קאמפלעצירטער. די פירמע האט געפאדערט אז מען זאל אנגיין מיט די ארבעט, עס איז געווען כמעט אוממעגליך, אבער מען האט געמוזט אנגיין.

אין יענער צייט האט די פירמע זיך צוגעשפארט און מיר זענען געבליבן אן ארבעט, אבער דא האט זיך ארויסגעשטעלט די גרויסע השגחה פרטית. אין די ערשטע זעקס חדשים האבן מיר באקומען געלט פון די רעגירונג, אין אויסטויש פון די געלטער וואס מיר האבן פארדינט אין די פירמע.

אין די זעלבע צייט האבן מיר געטון השתדלות צו טרעפן א נייער דזשאב. די אנדערע ארבעטער, וועלכער זענען געבליבן אן ארבעט, האבן זיך אנגעגעבן אין אסאך ערטער און איבערגעדרייט א וועלט, אבער מיין בני בית, האבנדיג עקספיריענס אז עס גייט נישט אזוי, האט אנגעגעבן נאר אין צוויי פלעצער, ווען איינס פון זיי איז דער דערמאנטער פאבריק וואו זי האט זיך געהאט אנגעגעבן פריער.

זי האט זיך גע'חזר'ט מיט אמונה אז וואס עס איז באשערט וועט אנקומען אזוי אויך און אזוי איז טאקע געווען, ממש ווען עס האט זיך געענדיגט די צייט ווען זי האט באקומען געלט פון די רעגירונג, האט מען איר געמאלדן פון יענע פירמע אז זי איז געווארן אנגענומען צו די ארבעט.

יעצט ארבעט זי דארט און האט הנאה פון די ארבעט, וואס איז סיי אין א גוטער געזעלשאפט און אויך נאנט צום שטוב.

# צוהערער פרעגן
## שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

איך בין שוין אן איינגעשטעלטער אין א פלאץ פאר לאנגע יארן. איך האב אריינגעלייגט אין דער פלאץ קאפ און מח און עס ממש אויפגעבויט און אויפגעהויבן עס זאל קענען גיין געשמירט און גוט. לעצטנס האט דער קאמפאני געזוכט א מנהל. איך בין געווען זיכער אז מ'גייט מיר נעמען אבער למעשה האט מען גענומען א צווייטן. יענער איז העכער מיר און באקומט אויך מער געלט ווי מיר. דער פאקט אז מען האט מיר געהיפערט טוט מיר זייער וויי. איך פראביר זיך צו שטארקן אין אמונה אז אלעס איז מלמעלה אבער עס גייט מיר נישט, עס עסט מיר דער הארץ. איך וואלט געוואלט הערן אן עצה ווי אזוי מען קען זיך שטארקן אין די נושא.

שאלה נומער 41 — א.נ. פתח תקוה

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

### גוטע עצות פאר חיזוק

**הרב עזריאל עמרני פון ירושלים:** דו שרייבסט אז דו ביסט זיך מחזק אין אמונה. עס איז זייער גוט און ריכטיג צו טון אזוי. נישט אלעמאל שפירט מען גלייך די תוצאה אבער מיט די צייט וועסטו עס שפירן. ווען א צווייטער נעמט צו די תפקיד וואס עס קומט זיך דיר איז עס גורם א שטארקער שברון הלב, אפילו ביי גרויסע צדיקים, ווי דער אור החיים הק' זאגט ווען השי"ת האט געהייסן פאר משה איבערגעבן זיין תפקיד פאר אהרן הכהן. זאגט ער דארט אויף די ווערטער 'ואתה הקרב את אהרן אחיך' די פאלגענדע ווערטער: **בהקריב את אהרן ויתן לו גדולתו אין לך קרבן גדול מזה.** מען זעט פון דעם אז עס איז א קרבן און עס טוט וויי. דער עצם זאך אז מען ווייסט אז עס טוט וויי און אז די ווייטאג איז נארמאל געבט כח און חיזוק זיך קענען שטארקן אין די נושא.

**הרב דוד לייפער פון ירושלים, הרב שמעון ראטמאן פון בית שמש:** מיר אידן ווייסן אז אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו. ווען עס קומט דיר אונטער אזא נסיון וועט מען דיר זיכער געבן כח פון הימל עס צו קענען אויסהאלטן. דער סוף וועט זיין אז דו וועסט נאך ארויסגיין א שטארקערע מענטש פון דעם נסיון ווי דו ביסט אריין. אין די ספרים שטייט אז נסיון איז מלשון נס להתנוסס. אז א נסיון איז מלשון זיך דערהייבן ווייל נסיונות הייבט אויף א מענטש העכער. מיר קענען דיר אויך געבן אן עצה וואס וועט דיר שטארק העלפן און דאס איז צו פארגינען פאר'ן נייער ארבעטער. גיי צו צו אים און באגריס אים אויף זיין נייער ארבעט, זאג אים א גוט ווארט, דאנק דער באשעפער אז א איד האט באקומען א גוטע פרנסה. עס איז נישט גרינג. אין אנהייב וועט דער זאגעריי זיין משפה ולחוץ, אבער ווי מיר ווייסן איז די חיצונות משפיע אויפ'ן מענטש און עס וועט ווערן אמת'דיג.

**הרב אהרון בייפוס פון רכסים:** דיין שוועריגקייט איז אז עס גייט אויף צוויי פראנטן. איין פראנט איז די עבודת המידות און די צווייטע איז התחזקות באמונה. לגבי די עבודת המידות זאלסטו וויסן אז דאס איז די עבודה פון דיין לעבן. עס איז א שטענדיגע עבודה, עס ענדיגט זיך קיינמאל נישט. די ארבעט איז צו איבערקומען די הרגשים. עס טוט וויי פאר א מענטש צו זען ווי ער געבט אוועק זיין לייב און זיין לעבן פאר די ארבעט און מען שעצט עס נישט, ענדע העכערט מען א צווייטן. דו דארפסט טראכטן ביי דיר אז עס איז זיכער א טעות, אדער האבן דא די בעלי בתים אייגענע אינטערעסן. אז מען טראכט אזוי בארואיגט עס. לגבי די חלק פון אמונה. לעצטענס האב איך געהערט פון א פאל ווי איינער איז געהעכערט געווארן אויפ'ן חשבון פון דעם צווייטן און האט פארדינט מער געלט און ענדע האבן זיי זיך משדך געווען און דער גרעסערער פארדינער האט אויסגעצאלט אלע הוצאות החתונה. די מעשה לערנט אונז אויס אז קיין איינער קען נישט צונעמען וואס עס קומט זיך פאר'ן צווייטן און וואס עס איז געווען באשערט פאר'ן צווייטן איז אים אנגעקומען יארן שפעטער.

### דער באשעפער ווייסט וואס עס איז גוט פאר דיר!

**הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** פון דיינע ווערטער דערקענט זיך אז דו האסט א געפיל אז מען שעצט נישט גענוג דיינע כוחות. דו דארפסט גלייבן אז דער וואס האט באשאפן די וועלט, שעצט יא דיינע כוחות און ער האט צוגעפירט אזוי אז דו זאלסט באקומען די תפקיד וואס דו האסט אין די פאסיגסטע צייט. וויסן זאלסטו אז די סארט זאכן זענען נישט אין דיין בחירה. אנשטאט דעם פארגין יענעם. מאך עס מיט א שמחה און דאס וועט דיר באמת רוקן פאראויס אין דיין פריוואטער לעבן.

**הרב גמליאל הכהן רבינוביץ פון בני ברק:** די גמרא אין בבא בתרא זאגט [צ"א ע"ב] אז אלעס איז פון אויבן אפילו אזא קליינער זאך ווי ווער זאל זיין דער שר וואס וועט זיין ממונה אויף ארויסשעפן פון די בורות. מיר ווייסן נישט קיין חשבונות שמים, אבער מיר זעען יא אז דאס איז דער רצון הבורא. חז"ל זאגן אונז אויך [ברכות נה] אז רבנות באגראבט אירע בעלים. דער לעבן פון א מנהל איז נישט גרינג. עס איז בעסער א לעבן פון שלוה מיט ווייניגער ווי דער לעבן פון א מנהל מיט מער געלט אבער ווייניגער מנוחה.

**הרב יעקב כהן פון בית אל:** פאר לאנגע יארן בין איך אין די ליניע פון חינוך פאר ספעצילע קינדער. עס איז מיר קיינמאל נישט אויסגעקומען צו ווערן געהעכערט אין ראנג פון מיין ארבעט. איין יאר האט מען מיר איינגעלאדענט צו אנפירן א כיתה. עס איז געווען א באדייטנפולער העכערונג אבער ווען כ'האב עס אנגעהויבן טון האב איך זיך אנגעהויבן בענקן צו מיין פריערדיגער ארבעט און ווען די יאר האט זיך געענדיגט בין איך צוריק צו מיין פריערדיגע ארבעט איינזעענדיג און אנערקענענדיג אז פאר דעם בין איך מער צוגעפאסט און איך זעה טאקע אין דעם א גרויסע הצלחה. איך האב זיך אויסגעלערנט אז נישט אומזיסט פירט זיך עס אזוי אז כ'בין דא און א צווייטער איז ערגעץ אנדערש, דער באשעפער ווייסט וואס ער טוט און שיקט צו פאר א איד דאס וואס איז די בעסטע פאר אים און פאר זיין יכולת.

### שאלה פאר גליון 91

א איד ווייסט אז וואס השי"ת טוט איז גוט. אויב אזוי, וואס איז דער ענין פון דאווענען און בעטן? אויב השי"ת פארשטייט אז עס איז גוט פאר מיר וועט ער עס מיר געבן און אויב פארשטייט השי"ת אז עס איז נישט גוט, וואספארא טעם האט צו בעטן אויף דעם. מיין שאלה ווערט שטארקער זעענדיג ווי מען ברענגט צו בשם צדיקים אז די צייט איז מסוגל פאר דעם און יעצט פאר דעם. וואס איז שייך א סגולה אויב עס איז נישט גוט פאר מיר?

א.ז. לאנדאן

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 > 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת במדבר. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט
## אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

עס איז ידוע אז רבי שמעון בר יוחאי איז געווען א ניצוץ פון משה רבינו. רבי שמעון איז געווען דער וואס האט מגלה געווען פאר די וועלט דער תורת הנסתר, דער חלק הסוד פון די תורה וואס כלל ישראל האט באקומען פון משה רבינו אויפ'ן בארג סיני.

די גמרא אין מסכת [סוכה מה.] ברענגט אראפ א מימרא אמר חזקיה אמר רבי ירמיהו משום רבי שמעון בר יוחאי יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין.

דער הייליגער תנא רבי שמעון איז מעיד אויף זיך אז ער קען פטר'ן יעדער איד פון די וועלט פון דין און ווי די צדיקים געבן צו פארשטיין גייט דער געדאנק געבינדן מיט דער תורת הסוד פון רבי שמעון. דער הייליגער תנא האט געקענט דער סוד פון יעדער איד, די טיפעניש פון די נשמה, ער האט געזען ווי טיף אינעווייניג אין א איד, באהאלט זיך א שורש הטוב און אז מען וועט ארויפברענגען דעם שורש וועט דער איד ווערן א צדיק און מען וועט אים קענען פטר'ן פון זיין דין.

אויך אין אנדערע זאכן האט רבי שמעון מגלה געווען דער סוד.

לאמיר זיך פארטיפן פאר א רגע אין איין נקודה פון זיין לעבן. חז"ל דערציילן אונז אז נאכדעם וואס ער האט גערעדט שלעכטס אויף די רוימער, האבן זיי אים געוואלט הרג'נען. רבי שמעון האט זיך באהאלטן אין שול און זיין ווייב האט אים געברענגט עסן אין שול. נאכדעם וואס די זוכעריי איז געווארן שטארקער און רבי שמעון האט מורא געהאט אז די רוימער וועלן פייניגן זיין ווייב און זי וועט נישט קענעןביישטיין די פייניגונגען און ארויסגעבן זיין באהעלטעניש, איז ער אנטלאפן און זיך באהאלטן אין די מערה און דארט

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

## דער סוד פון אן אמונה'דיגע לעבן

איז אים באשאפן געווארן דער באקסער בוים און דער וואסער קוואל.

פון די מעשה לערנט מען ארויס א געוואלדיגער זאך. ווען מען קוקט מיט א טבע'דיגער בליק זעט עס אויס ווי א מענטש קען נישט עקזיסטירן אין א מערה, אבער ווען מען קוקט עס אן מיט א נסתר'דיגע בליק, מיט די כח האמונה און בטחון וואס ער האט געהאט, עפענט זיך דער וועג פאר אים און ער קען אויך לעבן בנסתר.

ווען א מענטש פירט זיין לעבן טבע'דיג פירט זיך השי"ת אויך צו אים טבע'דיג, אבער ווען א מענטש גייט ארויס פון די טבע'דיגע ווינקל און ער ווערט אביסל העכער, ער הייבט אן לעבן מיט אמונה, מיט מסירת נפש אין אמונה ווערט עס מידה כנגד מידה און ער הייבט אן לעבן למעלה מדרך הטבע.

חז"ל זאגן אז 'הרבה עשו כרבי שמעון ולא עלתה בידם'. געבן די צדיקים צו פארשטיין אז פארוואס טאקע איז 'לא עלתה בידם' ווייל עס איז געווען 'כרבי שמעון' ביי זיי איז געווען דער 'כמו' אבער עס איז נישט געווען וויאזוי מען דארף באמת טון.

די לעבן פון אמונה איז א לעבן פון שלוה, א רואיגער לעבן, אן קיין לחץ און דרוק, אדער אנגעצויגענקייט. ווער עס איז נישט רואיג נאכ'ן לעבן מיט די אמונה דער לעבט נאר 'כמו' אבער נישט באמת.

און ווי עס שטייט אין תהלים 'השלך על השם יהבך והוא יכלכלך' אז נאר ווער עס ווארפט ארויף זיין גאנצער 'יהבו' אויפ'ן באשעפער קען זיין סמוך ובטוח אז ער וועט מקבל זיין די כלכלה - די גאנצע שפייז וואס עס פעלט זיך אים אויס.

**די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 > 3** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די לעזער

עס רעדט דא א איד פון לאנדאן. איך וויל דא אויסדרוקן מיין דאנק פאר דער חשובער האטליניע און פאר די אינהאלט, סיי די שיינע מעשיות, די הערליכע שיעורים. די ארבעט איז געוואלדיג און ברענגט אריין אסאך חיזוק פאר מיר פריוואט און פאר אלע אידן בכללות. ספעציעל האט זיך דער זאך אנגעזען אין די צייט ווען די האטליניע האט געליטן פון טעכנישע שוועריגקייטן און מען האט עס נישט געקענט נוצן געהעריג. עס איז מיר געווען זייער שווער אן דעם. אמאל אז מען האט נישט עפעס זעט מען איין אויף צוריקציוועגס ווי שטארק עס פעלט אויס.

### מצד די געבער

דער פארלאפענער ערב ראש חודש ניסן האט א מיידל אריינגעקלינגען צו די אפיסעס פון די השגחה פרטית ליניע מיט א בקשה אז זי וויל אויסצאלן די קאסטן פון פארשפרייטן דער גליון אין צען שולן.

זי האט דערציילט אז אינמיטן ווינטער האט זי צוגעזאגט אז אויב זי וועט ווערן א כלה ביז ראש חודש ניסן וועט זי מנדב זיין א סומע געלט פאר די הוצאות פון דער גליון און יעצט אז זי איז בשעה טובה געווארן א כלה, קלינגט זי גלייך אריין צו מקיים זיין איר הבטחה.


**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט**

**און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |


**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל, שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה